ספרים - יבנה וחכמי'", "מבצע נרות שבת קודש", "מבצע כשרות האכו"ש", "מבצע טהרת המשפחה".

וואס די החלטה וואס מ'האט שוין איצטער אין דעם איז די הכנה, און דער כלי ממש, אויף דער מבצע הכי גדול.

דער "ואתם תלוקטו לאחד אחד בית ישראל", אין א קהל קדול,

או מ'גייט לקבל פני משיח צדקינו בבנינו ובבנותינו בנערינו ובזקנינו, וכספם וזהבם אתם,

במהרה בימינו ממש.

* * *

**בז.** מאמר (כעין שיחה) ד"ה החודש הזה לכם גו'.

* * *

**בח.** כרגיל צו אפלערנען א פסוק פון פרשת השבוע מיט פירוש רש"י, און אויך או ענין אין די הערות אויפן זהר פון פרשתנו.

אין פרשתנו קאפיטל י"ב פסוק ז' שטייט בנוגע צו א יולדת "וכפר עלי' וטהרה ממקור דמי'", שטעלט זיך רש"י אויף דעם ווארט "וטהרה" און זאגט: "מכלל שעד כאן קרוי' טמאה".

דארף מען פארשטיין:

א) וואס איז דא דער חידוש פון רש"י מיט זאגן אז פון דעם ווארט "וטהרה" איז "מכלל שעד כאן קרוי' טמאה" - דער בן חמש למקרא וואלט דאס פון זיך אליין פארשטאנען ווען ער זעט אז עס שטייט "וטהרה"?!

ב) וואס איז דא דער לשון "**קרוי'** טמאה" - עס האט געדארפט שטיין "**היתה** טמאה", ווי עס שטייט טאקע אין גמ'?

וממה-נפשך: אויב "קרוי' טמאה" מיינט אז זי איז טמא - איז פארוואס זאגט מען נאר "**קרוי'** טמאה" זי איז דאך א טמאה, דארף שטיין "היתה טמאה"; און אויב "קרוי' טמאה" מיינט אז באמת איז זי ניט טמא - איז זי דאך טהור, איז וואס איז "קרוי' **טמאה**"?

און דערצו - פון וואנעט נעמט דאס רש"י אין פשט"מ פון דעם וואס עס שטייט "וטהרה אז "מכלל שעד כאן **קרוי'** טמאה", און ניט אז "עד כאן **היתה** טמאה"?

מיט נאך כמה דיוקים, וכפי שיתבאר לקמן.

**כט.** אין זהר פון פרשתנו (ח"ג מה, ב) שטעלט ער זיך אויפן פסוק "אדם כי יהי' בעור בשרו שאת או ספחת או בהרת וגו'", און ער ברענגט אז "ר' יהודה פתח ואמר", ר' יהודה האט פותח געווען דער ביאור הענינים אויף דעם פסוק, און ער ברענגט אויף דעם דער פסוק (שה"ש א, ) "אל תראני שאני שחרחורת ששזפני השמש בני אמי נחרו בי", און איז דאס מבאר.

שטעלט ער זיך אויף דעם אין די הערות אויפן זהר (לקוטי לוי"צ לזח"ג ע' עדר) און איז מבאר דער ענין פון "נחרו בי", און דער קשר דערפון צו ענין הנגעים ("אדם כי יהי' בעור בשרו גו'"), אז דער ענין הנגעים קומט פון מוחין דאימא,

ובפרט אז דארטן אין פ' ויקרא שטעלט זיך **רש"י** מערניט ווי אויפן ווארט (פון פסוק) "ונרצה לו" (ניט אויך אויף די ווערטער "לכפר עליו") און פרעגט אויף דעם די שאלה; משא"כ דא שטייט אין פסוק דער לשון **"וכפר** עלי'", וואס "וכפר" איז א שטארקערער **לשון** ווי "ונרצה", וואס איז מערער מדגיש אז דא איז געווען אן ענין בלתי רצוי וואס דארף האבן תיקון וכפרה - איז **מה** דאך אז רש"י האט **זיך** געשטעלט דארטן און געפרעגט די שאלה, האט ער זיכער געדארפט זיך שטעלן דא און פרעגן די שאלה צוליב וואס דארף זי האבן כפרה.

און אעפ"כ געפינט מען ניט אז רש"י זאל זיך דא שטעלן אויף אזא קשיא וואס ווארפט זיך גלייך אין די אויגן בא דעם בן חמש; און א דבר הפשוט לכאו', אז "וטהרה" מיינט אז "עד כאן קרוי' טמאה", וואס דער בן חמש פארשטייט פון זיך אליין - זאגט רש"י בפירוש!

וכפי שיתבאר לקמן.

**קב.** דער ביאור אין דעם וואס רש"י זאגט אויף "וטהרה" - "מכלל שעד כאן קרוי' טמאה" (דלכאו' מאי קמ"ל, און וואס איז דער פירוש אין **"קרוי'** טמאה", כנ"ל):

דער פסוק גלייכט צו טומאת יולדת צו טומאת נדה, "אשה כי תזריע וילדה זכר וטמאה שבעת ימים כימי נדת דותה תטמא", אז פונקט ווי א נדה איז טמא **שבעת** ימים, אזוי אויך איז א יולדת טמא **שבעת** ימים.

דער חילוק ביניהם איז נאר, אז א נדה דארף נאר האבן טבילה און הבאת קרבן נאך די שבעת ימי טומאה, און דערנאך איז זי אינגאנצן טהור; משא"כ א יולדת דארף ווארטן נאך די שבעת ימי טומאה נאך 33 טעג של טהרה אויב זי האט געבארן א זכר, "ושלושים יום וששת ימים תשב על דמי טהרה", און דערנאך "במלאות ימי טהרה לבן או לבת" דארף זי אויף מארגן ברענגען א קרבן "והקריבו לפני ה' וכיפר עלי' וטהרה ממקור דמי'".

וואס דערפון קומט אויס אז די יולדת איז געווארן **טהור** גלייך נאך די ערשטע **שבעת** ימים (ווי א נדה), ס'איז מערניט אז דערנאך דארף זי ווארטן נאך א **משך** ימים ביז זי קען ברענגען א קרבן, און דערנאך איז "וכפר עלי'".

וויבאלד אבער אז כאטש די יולדת איז טהור **גלייך** נאך די ערשטע שבעת ימים, שטייט אין פסוק אז ערשט נאכדעם וואס זי ברענגט דעם קרבן (נאך די כו"כ ימי טהרה) **"וטהרה"** - איז רש"י דערפון מוכיח: "מכאן שעד כאן קרוי' טמאה" אז טהור איז זי טאקע געווארן נאך שבעת ימים, זי איז שוין ניט קיין טמאה, אבער די אלע ימי טהרה ביז נאך דעם וואס זי ברענגט דעם קרבן איז זי **"קרוי'** טמאה" זי איז טאקע ניט טמא ממש, נאר "קרוי' טמאה", זי ווערט **אנגערופן** א טמאה.

**קג.** שטעלט זיך די שאלה: אויב זי איז (נאך די שבעת ימים) א טהורה, ניט קיין טמאה - איז למאי נפק"מ אז זי איז "קרוי' **טמאה**"? ווּעמען ארט עס?!

פארשטייט דאס דער בן חמש בפשטות פון דעם וואס ער האט פריער געלערנט:

ער האט געלערנט אז אידן זיינען "ממלכת כהנים וגוי קדוש", פארשטייט ער אז א איד דארף זיין קדוש, במילא פארשטייט ער דעם חסרון פון זיין (אפילו נאר) **"קרוי'** טמאה", און דערפאר דארף זי משתדל זיין צו מבטל זיין דאס וואס "קרוי' טמאה" דורך ווארטן די ימי טהרה און דערנאך ברענגען א קרבן ביז "וכפר עלי' **וטהרה** ממקור דמי'".

וואס דא זעט מען ווי בשעת מ'לערנט רש"י בפשטות האט מען א לימוד ווי א איד דארף זיין "קדוש".



הנחה פרטית בלתי מוגה

**קד.** דערפון איז מובן א נפק"מ בפועל צי די יולדת איז (נאר) "קרוי' טמאה" אדער ניט:

נניח אז די יולדת וויל ניט עסן קדשים, וואס עסן קדשים קען זי דוקא נאך דעם וואס זי ברענגט א קרבן נאך די ימי טהרה - דארף זי לכאו' ניט ברענגען א קרבן (נאך די ימי טהרה).

איר ארט ניט צו ניט עסן איצט קדשים, איר איז גענוג צו ווארטן אויף עסן קדשים ביז זי וועט עולה רגל זיין מיט בעלה, אדער ביז שנת הקהל וכו' - דארף זי לכאו' ניט ברענגען קיין קרבן.

בנוגע צו איר מאן - איז נוגע צו "פרו ורבו", און "שארה כסותה ועונתה" צי זי איז טהורה לגמרי אדער ניט - אבער צו איר איז דאס לכאו' קיין נפק"מ ניט אויב זי וויל ניט עסן קדשים.

בשעת מ'זאגט אבער אז ביז זי ברענגט דעם קרבן (נאך די ימי טהרה) איז זי "קרוי' טמאה" - פארשטייט מען אז אפילו אויב זי וויל ניט עסן קדשים, דארף זי אראפנעמען דאס וואס "קרוי' טמאה" דורך ברענגען א קרבן.

איך זי איז נאר "קרוי' טמאה" - ווייסט אבער דער בן חמש למקרא אז אידן זיינען "ממלכת כהנים וגוי קדוש", זיי דארפן זיין **קדוש**, אפילו ניט "קרוי' טמאה"; "והתקדשתם והייתה קדושים", וועט דער בן חמש ערשט לערנען שפעטער - אבער אז אידן זיינען "ממלכת כהנים וגוי קדוש" האט ער שוין געלערנט, און אויך - מעצמו פארשטייט ער אז אידן דארפן זיין קדושים.

איז אמת טאקע אז עס זיינען פאראן דרגות אין טומאה, טמאה ממש, אדער נאר "קרוי' טמאה" וכיו"ב - אבער א איד דארף אלעמאל באווארענען אז ער זאל זיין **קדוש** און טהור ממש.

דעריבער דארף די יולדת ברענגען א קרבן (נאך די ימי טהרה) בכדי אראפנעמען דאס וואס זי איז "קרוי' טמאה".

**קה.** דער ביאור אין דעם זהר פון פרשתנו אין עבודת האדם, און דער קשר דערפון צו מחר חודש (דער קביעות פון שבת זו, שבת פ' תזריע, בקביעות שנה זו):

דער פסוק "אל תראוני שאני שחרחורת ששזפתני השמש" ווי ער ווערט נתבאר אין דעם זהר איז ניט אלס א ציווי נאר אלס א סיפור דברים:

"בשעתא דסיהרא אתכסיא בגלותא היא אמרה אל תראוני", וואס דער פירוש אין דעם איז ניט "דאיהי פקידת דלא למחמי לה", אז זי איז ח"ו פארפאלן און דערפאר זאל מען ניט קוקן אויף איר, נאר "בגין דאיהי חמת תיאובתא דישראל לגבה למחמי נהורא, היא אמרת אל תראוני לא תיכלון למחמי לי אל תראוני ודאי", וויבאלד אז די לבנה זעט אז אידן זעען איר (די לבנה) ניט, האט זי מורא טאמער זיי וועלן מיואש ווערן פון קוקן אויף איר, זאגט זי אידן און איז זיי מנחם: "אל תראוני לא תיכלון למחמי לי, אל תראוני ודאי", אז איר זאלט וויסן אז דאס וואס איר זעט איר ניט איז דאס דערפאר וואס איצטער איז זמן הגלות, און מערניט "בגין שאני שחרחורת", וויבאלד אז דער שמש פארדעקט אויף איר (בזמן הגלות), דערפאר קענט איר מיר ניט זען - אבער באמת בין איך דא אויך איצטער בזמן הגלות בשלימות, און אט באלד קומט די גאולה און דעמאלט וועט איר מיר זען בשלימות, און דעריבער זאלט איר ניט מיואש ווערן פון קוקן אויף מיר (ראה בכ"ז אור החמה).

ד.ה. אז אע"פ וואס בזמן הגלות איז די לבנה בהעלם, וויל אבער די לבנה אז מ'זאל אויך דעמאלט קוקן אויף איר און מ'זאל איר אויך דעמאלט זען,

און בשעת אידן קוקן און זוכן איר אוןווארטן אויף איר זען - איז די לבנה אליין זיך מנחם, אז הגם וואס איר זעט מיר איצטער ניט, איז דאס נאר מצד א סיבה צדדית, "בגין שאני שחרחורת", במילא זאלט איר אנהאלטן די תשוקה און שאיפה צו מיר זען, און דאס גופא, וואס איר האט אזא תשוקה, וועט פועל'ן אז עס זאל קומען די גאולה און איר וועט מיר זען בשלימות, און די לבנה איז מבטיח אז סוף כל סוף וועט מען איר זען, און דאס גופא וועט זיין דורך דעם וואס מ'ווארט אויף דעם!

**קו.** וואס אין זמן הגלות גופא שטייט דער ענין - אז די לבנה איז בהעלם און אעפ"כ איז זי מנחם א אידן אז אט אט וועט זי נתגלה ווערן - בערב ראש חודש (דער שבת):

בערב ר"ח שטייט די לבנה סאקע בהעלם אין א חושך; אבער צוזאמען דערמיט איז ערב ראש חודש מדגיש, אז מחר חודש - איז אט אט מארגן קומט גלייך דער חודש, אז די לבנה ווערט נתחדש און נתגלה פון דאס נייי.

**קז.** דערפון האט מען גלייך די הוראה בפשטות,

גלות איז ניט קיין גוטע זאך, גלות טויג ניט, כמובן ופשוט, און ווען א איד געפינט זיך אין גלות דארף ער וויסן אז דער חושך הגלות איז נאר מצד א סיבה צדדית, און ער דארף כסדר האבן א תשוקה און בענקען צו דער גאולה האמיתית והשלימה, אחכה לו בכל יום שיבוא, צו דער גילוי הלבנה בשלימותה, ביז אז די לבנה אליין איז אים מנחם אין זמן הגלות און זאגט אים אז ער זאל ניט מיואש ווערן פון חושך הגלות, שהרל"ז ענין צדדי, און ער זאל ווייטער בייבקען פאר דער גאולה, ווארם אט אט קומט די גאולה, ואדרבה - דורך זיין ווארטן און בענקען אויף די גאולה ברייבגט דאס גופא נענטער די גאולה.

**קח.** און ניט ווי די וואס זאגן אז ס'איז ניט זייער דרך צו שרייען און מאנען "וויל וואנט משיח נאו", און וואס זאגן אז גלות איז א "גוטע" זאך, ווארום וויבאלד אז מ'איז ניט געגאנגען מיט דעם אייגענעם רצון אין גלות, נאר דער אויבערשטער האט געשיקט אין גלות - מוז מען זאגן אז דאס איז א גוטע זאך!

און די כוונה פון דעם גלות איז אז מ'דארף לערנען תורה און מקיים זיין מצוות אין גלות, אבער דער גלות אליין איז א גוטע זאך (ר"ל)!

און א ראי' דערצו - פון דעם מארז"ל אז "צדקה עשה הקב"ה עם ישראל שפיזרן בין האומות"!

זאגט מען - ניין! גלות איז א שלעכטע זאך וואס ערגער קען ניט זיין!

און דער גאנצע ענין הגלות איז נאר מצד א סיבה צדדית, דאס רירט ניט אן דעם עצם מציאות פון אידן.

מ'טאר ניט ח"ו דאנקען דעם אויבערשטן אויף דעם גלות!

נאר מ'דארף כסדר מאנען פון דעם אויבערשטן אז ער זאל ברייבגען משיח צדקנו און די גאולה האמיתית והשלימה בזריזות און וואס שנעלער!

און ניט ווי די וואס טענה'ן אז דאס זיינען דעם אויבערשטן'ס געשעפטן און ער וועט זיכער מיט דער צייט ברייבגען משיח צדקנו, און מ'פארלאזט זיך אויף אים - מיר דארפן נאר לערנען תורה און מקיים זיין מצוות און זיך פארלאזן אויף דעם אויבערשטן און זיך ניט מישן אין זיינע געשעפטן!

גלות איז א נארמאלע זאך און א גוטע זאך!

און דערפאר - טענה'ן זיי - טאר מען ניט בעטן אז "ווי וואנט משיח נאו".

זאגט מען זיי - אז בכל יום מימות החול בעט מען ג' פעמים אין אלע ג' תפלות - "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים", און "את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח", "כי לישועתך קוינו כל היום", מיט נאך עטליכע פסוקים און ביטויים, און "אחכה לו בכל יום שיבוא".

און גלות איז אן אומגליקלעכע זאך, ביז ווי עס שטייט אין ספרים אז דער עונש פון גלות איז קרוב למיתה ר"ל! און אין א זין נאך ערגער - ווארום דאס איז הולך ונמשך און ווערט ערגער און ערגער ר"ל!

און ס'איז אזא חושך כפול ומכופל פון גלות - אז עס קענען זיין אידן וואס שעמען זיך ניט פאר זיך און זאגן א צווייטן אז גלות איז א גוטע זאך!

[און ס'איז אזא חושך כפול ומכופל פון גלות אז ווען כחסדו של הקב"ה העלפט די ממשלה אין א"י מיט געבן געלט אויף אידישע חינוך - נוצן זיי דאס (א חלק דערפון) אויף בויען דירות אנשטאט נוצן דאס אויף חינוך!

וואס די געלט האט מען דאך געגעבן בפירוש צוליב חינוך, און כל פרוטה ופרוטה מצטרפת לחשבון גדול - איז היתכן אז מ'זאל דאס נוצן אויף בויען דירות?!

אמת טאקע אז מ'נוצט דאס ניט אויף דברי הבל, נאר אויף דברי רשות - פונדעסטוועגן דארף מען דאס נוצן אויף וואס מ'האט עס געגעבן, אויף ענין החינוך].

**קס.** און מ'זאגט אז אוי להם **שגלו** משולחן אביהם - סיי דער טאטע וויל זיין צוזאמען מיט דעם קינד, און סיי דער קינד וויל, אויב ער האט נאר ניט פארבלאנדזשעט, זיין מיט אבין;

משא"כ בשעת ער געפינט זיך ר"ל אין גלות - איז "אוי" לו! דאס איז אן אומגליק שאין כמוהו!

דאס איז כאילו ווי ער געפינט זיך אין א שוקא דבורסקי, אין גלות, ניט במקומו הרגיל.

ווי עס שטייט דא אין זהר, אז די לבנה זאגט אידן אז דאס וואס זי איז בהעלם אין זמן הגלות איז מערניט מצד א סיבה צדדית, "בגין שאני שחרחורת", "ששזפתני השמש דאסתלק מני שמשא לאנהרא לי ולאסתכלא בי וחד דבני אמי נחרו בי", אבער באמת איז די לבנה קיים אויך בזמן הגלות.

ועד"ז בשעת א איד געפינט זיך אין א מצב פון גלות איז ער ניט ח"ו טמא אליין, ער איז נאר **"קרוי"** טמאה" (בלשון פון רש"י), ווארום בעצם רירט אים ניט אן גלות, דאס איז ניט מקומו, גלות פועל'ט נאר אויף אים אז ער זאל זיין **"קרוי"** טמאה".

**קי.** וואס דערפון קומט מען אויך צו דעם טעם אין ליגה של תורה פארוואס אין גמ' שטייט ניט דער לשון "קרוי' טמאה", משא"כ אין רש"י שטייט יע דער לשון (כנ"ל):

אין גמ' דארף מען דאס ניט באווארענען אז א איד אין א מצב פון גלות איז נאר "קרוי' טמאה", דערפאר שטייט דארטן ניט דער לשון;

אבער פירוש רש"י, וואס האלט בא תחילת חינוך פון א קינד אין יהדות - דארף ער באווארענען אז בשעת מ'זעט א איד וואס איז ניט כדבעי, א איד וואס געפינט זיך

אין א מצב פון גלות, דארף מען וויסן אז ער איז נאר "קרוי' טמאה", ער איז ח"ו ניט טמא ממש.

אפילו תורה איז ניט מקבל טומאה, ווארום "הלא כה דברי כאש" - ועאכו"כ אידן וואס זיינען למעלה מתורה, ווי עס שטייט אין תנא דבי אליהו, אז "אני אומר" אז "ישראל קדמו לתורה שנאמר (אין תורה גופא) דבר אל בני ישראל צו אל בנ"י וכו'" - איז בא זיי זיכער ניט שייך קיין טומאה, מערניט אז זיי זאלן זיין "קרויים טמאים", מערניט ווי א מצב פון "שזפתני השמש" און "בני אמי נחרו בי".

און וויבאלד אז גלות איז נאר א דבר חיצוני און א דבר צדדי, מערניט וואס "שזפתני השמש" - איז א זיכערע זאך אז אט אט וועט דאס ווערן אויס און עס וועט קומען די גאולה און דעמאלט וועט די לבנה שטיין בגלוי בשלימותה, און אזוי אויך וועלן אידן זיין בגלוי בשלימותם.

וואס בגלוי ובהדגשה שטייט דאס אין ש"פ תזריע בקביעות שנה זו, וואס ער איז מחר חודש, וואס דאס איז מדגיש אז אט אט קומט גלייך אויף מארגן ראש חודש ניסן,

וואס "בניסן נגאלו בניסן עתידין ליגאל".

קיא. דער ביאור אין דעם וואס עס שטייט אין פסוק בנוגע ליולדת - "וכפר עלי'" (צוליב וואס דארף זי האבן כפרה? און פארוואס באווארנט דאס ניט רש"י?):

אין פ' בראשית האט דער בן חמש למקרא געלערנט אז דער אויבערשטער האט מעניש געווען די אשה (חוה) אויפן חטא עץ הדעת מיט דעם וואס "בעצב תלדי בני" דער ענין פון צער הלידה.

וואס דערפאר איז י"ל אז יעדער מאל וואס עס ווערט געבארן א קינד ביי א יולדת שזה פועל טומאת יולדת - דערמאנט דאס למעלה און למטה על חטא עה"ד וואס איז געווען מיט טויזענטער יארן צוריק, וויבאלד אז דער חטא עץ הדעת האט גורם געווען דעם ענין פון צער הלידה.

וע"ד ווי ס'שטייט בנוגע צום חטא העגל - (זאגט דער אויבערשטער) "וביום פקדי ופקדתי עליהם חטאתם" - "עתה שמעתי אליך מלכלותם יחד ותמיד תמיד כשאפקוד עליהם עונותיהם ופקדתי עליהם מעט מן העון הזה עם שאר העונות ואין פורעניות באה על ישראל שאין בה קצת מפרעון עון העגל" (רש"י עה"פ) -

עד"ז אויך בנוגע צו דעם חטא עה"ד שגרם לצער הלידה, אז כל פעם וואס ס'איז דא דער ענין פון יולדת וטומאת יולדת דערמאנט דאס למעלה ולמטה אויף דעם חטא עה"ד.

ולכן דארף די יולדת האבן א כפרה וואס נעמט אראפ דעם גאנצן חטא עה"ד (אויף וואס טומאת יולדת דערמאנט), און דערפאר שטייט ביי איר "וכפר עלי'".

קיב. נוסף לזה קען מען זאגן:

טומאת יולדת גלייכט צו דער פסוק לטומאת נדה (כאמור לעיל), וואס טומאת (דם) נדה איז נאך א (צווייטע) זאך וואס איז צוגעקומען צוליב חטא עה"ד,

איז אויך מצד דעם ענין אז טומאת יולדת איז בדומה צו טומאת נדה - דארף זי האבן כפרה, צו אראפנעמען דעם ענין פון חטא עה"ד.

קומט אויס אז א יולדת דארף האבן כפרה צוליב צוויי ענינים וואס ביי איר איז דא פון חטא עה"ד - דער ענין של צער לידה וואס איז געקומען צוליב חטא עה"ד,